איש את רעהו יעזרו ולאחיו יאמר חזק

בחור היקר

# אין אידיש גערעדט

מיר רעדן דיין שפראך

שנה ד'-גליון ו'
פרשת ויצא תשפ"ו

י"ל ע"י
**לוי יצחק שנעק**
**מגי"ש בישיבת צאנז**
**בעל מחבר ספרי יש לחקור**
להערות ולנדבות, ולכל עניני
ולקבלת העלון בדוא"ל הגליון
יכולן לפנות.
315-400-1818
1818yiddish@gmail.com

## קיינער קוקט נישט ארויף אויף דיינע ספרדי'שע ציצית!!!

**משה:** איך מעג שוין וויסן וואס דו גייסט שרייבן די וואך???

**חיים:** איך קען דיר נישט זאגן וואס איך גיי שרייבן, אבער איין זאך קען איך דיר יא זאגן, אז...

### ס'איז ממש פונקט פאר דיר...

**משה:** דו מאכסט מיר שוין נייגעריג, קען איך וויסן וואס דו גייסט שרייבן????

**חיים:** איך וועל דיר זאגן, אבער קודם... קען איך דיר פרעגן א פערזענליכע שאלה?

**משה:** יא, דו קענסט!!!

**חיים:** איך האב דיר באטראכט, און איך האב באמערקט אז דו דארפסט אטענשאן...

**משה:** וואס מיינסטו? וויאזוי זעסטו דאס?

**חיים:** דו פרעגסט וויאזוי איך האב עס געזען? איך וויל וויסן וויאזוי זאל איך דאס נישט זען? קוק אן דיין ציצית... דיין הויזן... דיין העמד... דיין בעקיטשע... די וועג וויאזוי דו לייגסט ארויף דיין שאל... בקיצור, ס'זאגט זיך אליין: 'איך דארף אטענשאן!!!'

**משה:** ווער זאגט אז איך טו דאס וועגן אטענשאן??? אפשר וויל איך פשוט זיין מסודר???

**חיים:** איך וואלט באמת נישט געדארפט מסביר זיין פארוואס איך טראכט אז דו דארפסט אטענשאן... אבער וויבאלד איך ווייס דאך אז דו מיינסט עס ערנסט, דו ווילסט זיך פארבעסערן, וועל איך דיר נאר זאגן איין קליינע נקודה... לאמיר נעמען דיין ציצית...

### ביסטו אפשר א ספרדי'שער???

**משה:** וואס מיינסטו צו פרעגן?

**חיים:** איך האב באמערקט אז דו האסט זיך לעצטנס געקויפט וואלענע ציצית אן קיין שווארצע ליינס... דער של"ה הק' ברענגט אראפ הלכה למעשה (קיצור של"ה, חולין, הלכות ציצית) בשם דער אליה רבה (סימן ט, ס"ה), אז מ'זאל גיין מיט א בלויע בגד פאר די ציצית, אלס זכר צו די מצוה פון 'תכלת...'

למעשה האט מען נישט אנגענומען דער מנהג, ווייל ס'איז דא אן ענין צו גיין מיט א ווייסע בגד, ממילא שרייבט דער פרי מגדים (סק"ו), און דער משנ"ב ברענגט דאס אראפ להלכה (סקט"ז), אז מ'זאל מאכן ביים סוף פון די בגד עפעס אביסל בלוי, אלס זכר פאר די תכלת, און דאס איז בכלל נישט קיין סתירה מיט דעם וואס די טלית דארף זיין ווייס, ווייל אביסל בלוי איז בכלל נישט קיין פראבלעם... נאר וועגן געוויסע סיבות האט זיך עס געטוישט דורכאויס די יארן צו שווארץ.......

אבער ביי די ספרדים גייט מען נישט מיט די שווארצע ליינס... ווייל זיי זענען מחמיר אז ס'זאל זיין אינגאנצן ווייס... איז ממילא, אז דו גייסט אינגאנצן ווייס זעט זיך אויס אז דו ביסט א ספרדי'שער!!!

**משה:** איך גלייב נישט וואס איך האב יעצט געהערט...

### ס'איז בושות....

איך האב בכלל נישט געוואוסט די גאנצע חשבון... וואס האב איך געטראכט??? און איך מוז מודה זיין

### אז די סיבה פארוואס איך האב געקויפט די ווייסע ציצית, איז פשוט וועגן אטענשאן...

אבער וואס האט דאס מיט אונזער פרשה???

**חיים:** די פסוק הייבט אן 'ויצא יעקב מבאר שבע וילך חרנה...' זאגט רש"י, אז די סיבה פארוואס ס'שטייט 'ויצא יעקב' איז, ווייל 'יציאת צדיק מן המקום עושה רושם...' לכאורה איז דא גאר א פשוט'ע שאלה:

### איז דען דאס די ערשטע מאל וואס א צדיק איז ארויס פון א שטאט???

סיי אברהם און סיי יצחק זענען שוין אוועקגעגאנגען פון וואו זיי האבן געוואוינט, און ס'שטייט קיינמאל נישט אז יציאת צדיק מן המקום עושה רושם... פארוואס פונקט דא שטייט עס...

**משה:** איך מוז זאגן אז די קשיא איז אזא פשוט'ע און גוטע... אז איך פארשטיי נישט פארוואס איך האב דאס נישט געפרעגט??? וואס איז טאקע די תירוץ???

**חיים:** די תירוץ אויף די קשיא איז גאר... פשוט... און גאר... גאר... גאר... וויכטיג... די תירוץ איז, אוודאי האט אברהם אבינו געלאזט א רושם... ווייל אברהם אבינו האט דאך געהאט א גאסט-הויז, וואס יעדער האט דארט געקענט אריינקומען, און באקומען עסן און טרינקען... ער האט מגייר געווען מענטשן... האט ער דאך געהאט א גאנצע געמיינדע מיט גרים, איז אוודאי ווען ער איז אוועקגעגאנגען האט ער געלאזט א רושם...

יצחק האט אויך געמאכט גרים, איז דאך אוודאי אז ווען ער איז אוועקגעגאנגען האט ער געלאזט א רושם... אבער יעקב איז געווען א פשוט'ער איש תם יושב אהלים... וואלט מען געקענט מיינען אז ווער ווייסט דען וועגן אים? דערפאר זאגט די פסוק אז דו זאלסט וויסן אז:

### אפילו אזא מענטש וואס זיצט אין זיין ווינקל און לערנט, לאזט א רושם...

**משה:** איך הער די תירוץ, אבער איך פארשטיי נישט... פארוואס זאגסטו אז ס'איז אזא וויכטיגער יסוד!!!

**חיים:** כדי דו זאלסט דאס פארשטיין וויל איך דיר פרעגן נאך איין קשיא... ס'שטייט אין פסוק (בראשית כח, יא) 'ויקח מאבני המקום וישם מראשותיו' - יעקב האט געלייגט שטיינער ארום זיין קאפ.

### האט אים דען געהאלפן דאס לייגן שטיינער ארום זיין קאפ?

דו מיינסט אז חיות קענען נישט גיין אויף שטיינער?

### די תירוץ איז, ווייל אלעס ווענדט זיך אין די קאפ!!!

**משה:** דו קענסט מיר מסביר זיין וואס דו מיינסט? און וואס דאס האט א שייכות מיט די גאנצע שמועס?

**חיים:** איך וועל דיר ענטפערן בטוב... טעם... ודעת... אבער פארשטייט זיך קודם א מעשה.

### מעשה שהיה כך היה.

איינער פון די אייניקלעך פון דער גאון הגדול דער פוסק הדור בעל שבט הלוי זצ"ל, האט דערציילט, אז ער האט איינמאל מסדר געווען די כתבים פון זיין גרויסער זיידע, און ער האט געטראפן אז אויף אפאר כתבים האט

ער גע'חתמ'עט אב"ד לאדזש... דער אייניקל האט זיך זייער געוואונדערט דערויף, ווייל לויט ווי ער האט געוואוסט איז זיין זיידע קיינמאל נישט געווען רב אין לאדזש, האט ער גענומען די קוראזש און געפרעגט:

### זיידי, פארוואס שטייט ביי דיין נאמען אב"ד לאדזש...

האט אים הרב וואזנער זצ"ל געזאגט, אז ס'איז באוואוסט אז ער האט באמת נישט געהאט אזא גוטע קאפ... און ס'איז באקאנט אז ווען ער איז געקומען זיך פארהערן אריינצוגיין אין 'ישיבת חכמי לובלין', האט ער נישט געקענט די פארהער, און הגאון ר' מאיר שפירא זצ"ל האט אים נישט אנגענומען... און די פלאן איז געווען אז ער גייט אהיימגיין... אבער ס'איז נאך געווען אפאר שעה ביז ווען די באן איז ארויסגעפארן, האט ער זיך אריינגעזעצט לערנען אין די בית המדרש פון די ישיבה...

ווען ר' מאיר שפירא זצ"ל איז אריינגעקומען אין בית המדרש, און אים געזען לערנען, האט ער קודם געמיינט אז דער בחור האט נישט געכאפט אז ער איז נישט אנגענומען, האט ער אים געזאגט: 'בחור'ל, דו ביסט נישט אנגענומען...' האט אים הרב וואזנער געזאגט: 'איך ווייס...' האט אים ר' מאיר שפירא געפרעגט אויב אזוי

### פארוואס ????????? ביסטו נאך דא!!!!!!!!!!

האט ער אים געזאגט, אז וויבאלד די באן פארט ערשט שפעטער ביינאכט, איז דאך א שאד די צייט, האט ער זיך געזעצט לערנען פאר אפאר שעה... ר' מאיר שפירא איז ארויס פון התפעלות... א בחור וואס האט נארוואס געכאפט אזא קלאפ אז מ'האט אים נישט אנגענומען, זאל זיך פשוט זעצן לערנען... האט אים ר' מאיר שפירא געזאגט: 'דו בלייבסט דא אין ישיבה...'

### ביז דער חלק איז זייער באקאנט, אבער פון דא און ווייטער איז שוין נישט אזוי באקאנט.

נאך מ'האט אים אנגענומען האט ער נישט געקענט אזוי גוט מיטהאלטן... ער איז געגאנגען פון איינעם צום צווייטן מ'זאל אים העלפן לערנען... אזוי איז אדורכגעגאנגען א שטיק צייט...

אין יעדער ישיבה איז דא פאר פורים אביסל 'פורים שטיק...' און דארט איז אויך געווען... די פורים שטיק איז געווען, אז מ'האט געמאכט א ריזן סיין, און מ'האט אויפדעם געשריבן די נעמען פון די בחורים... און נעבן יעדעמ'ס נאמען האט מען געשריבן וואו ער גייט זיין רב... גאר א גוטער בחור האט מען געשריבן א גאר חשוב'ע שטאט... און פאר אביסל שוואכער האט מען געשריבן א קלענערע שטאט... די סיין האט מען אויפגעהאנגען אין די עס-זאל.

די ערשטע יאר וואס הרב וואזנער זצ"ל האט דארט געלערנט, איז געקומען די טאג וואס מ'האט אויפגעהאנגען די סיין, און הרב וואזנער איז אריינגעקומען אין עס-זאל, און געזען ווי אלע בחורים שטייען ארום דעם סיין... איז ער אויך צוגעגאנגען קוקן אזוי ווי אלע בחורים, און ער האט געזוכט זיין נאמען... ווי נאר ער האט באמערקט זיין נאמען איז ער געווארן רויט... ס'איז געשטאנען:

### 'שמואל הלוי וואזנער שוסטער ד'לאדזש'

ער איז גראד ארויפגעלאפן אין זיין צימער, און געוויינט... און געוויינט... פאר גאר א לאנגע צייט... נאכן זיך גוט אויסוויינען, האט ער מחליט געווען מיט אן עזות דקדושה אז ער גייט זיך נישט לאזן ווערן צעטראטן דורך די בחורים, נאר ער גייט טון פונקט פארקערט, ער גייט גאר טאקע ווערן 'דער רב פון לאדזש...' און כדי ער זאל דאס באמת פילן האט ער זיך אין יענער תקופה גע'חתמ'עט 'אב"ד לאדזש...'

### למעשה איז ער נישט געווארן 'אב"ד לאדזש', נאר 'אב"ד פון גאנץ ישראל!!!'

<u>משה:</u> די מעשה איז הפלא ופלא... אבער וואס האט דאס א שייכות מיט די שטיינער...

<u>חיים:</u> זייער פשוט... ווייל אלעס ווענדט זיך וויאזוי א מענטש קוקט אויף דעם... הרב וואזנער וואלט געקענט ווערן צעבראכן, און טראכטן: 'קוק אהער, איך בין דאך טאקע נישט דער בעסטער בחור אין ישיבה.... די בחורים שרייבן אז איך גיי אויסוואקסן א שוסטער, איז פארוואס זאל איך בכלל ארבעטן...' אבער ער האט זיך נישט געלאזט, ער האט געוואוסט אז אלעס ווענדט זיך וויאזוי מען טראכט... ממילא האט ער אפגעמאכט אז ער איז אב"ד לאדזש, און ער איז טאקע אויסגעוואקסן וואס ער איז אויסגעוואקסן...

<u>משה:</u> איך הער וואס דו זאגסט, אז אלעס ווענדט זיך אין די וועג וויאזוי א מענטש טראכט... אבער וואס האט דאס מיט 'ויצא יעקב...'

<u>חיים:</u> די תירוץ איז, ווייל ס'איז דא דער בחור וואס פרעגט פעסטע קשיות... ער פילט גאר גוט מיט זיך... אבער ס'איז דא דער בחור וואס מוטשעט זיך, און טראכט אז קיינער קוקט נישט אויף מיר... איז וואס געשעט יעצט? יעדער ווייל דאך פילן אז מ'קוקט ארויף אויף אים... אז נישט אין לערנען, פרובירט מען אנדערע וועגן... העמד... הויזן... גלעזער... ציצית... שיך... שאל...

### ס'שרייט זיך איין ווארט: 'איך... וויל... אטענשאן...'

פליז קוק מיך אן... אז נישט אין לערנען... כאטש אין אנדערע זאכן...

<u>משה:</u> איך הער, דו זאגסט אז דאס וואס איך טו זיך אן אזוי איז וועגן איך וויל אטענשאן?... בסדר, איך בין מסכים דערצו...

### אבער למעשה באקום איך עס... איז וואס גייט מיך אן וויאזוי???

<u>חיים:</u> איך האב גאר שטארק הנאה פון דיין קשיא, ווייל יעצט קום איך אן צו דער נקודה...

### דיין ווייסע ציצית האט געברענגט פונקט די פארקערטע וואס דו האסט געוואלט!!!

<u>משה:</u> קענסט מיר מסביר זיין וואס דו מיינסט???

<u>חיים:</u> אוודאי, אבער דו וועסט נישט זיין אויפגערעגט אויב איך וועל דיר זאגן די אמת...

<u>משה:</u> ניין, אוודאי נישט...

<u>חיים:</u> בסדר. איך בין געווען אין 'מפואר', און געזען א טאטע וואס קויפט איין פאר די משפחה... און דער יונגער בחור האט געוואלט קויפן וואלענע ציצית אן קיין ליינס... דער טאטע האט אים געפרעגט פארוואס... האט ער געזאגט אז ס'איז פשוט שענער... האט אים דער טאטע געזאגט אז ס'איז נישט נארמאל פאר א נארמאלער חסיד'ישער בחור צו גיין אזוי... האט זיך דער בחור אנגערופן, אז ער קען נארמאלע חסיד'ישע בחורים וואס גייען יא אזוי, און ער האט אויסגערעכנט נעמען... און דו ביסט געווען איינער פון זיי...

דו ווייסט וואס זיין טאטע און זיינע ברידערס האבן געזאגט...

### נעבעך... ער איז איינער פון די slow בחורים וואס מיינען אז אזוי וועט מען קוקן אויף אים...

### ווען דו וואלסט געהערט וואס זיי רעדן וועגן דיינע זאכן וואס דו טוסט אן, וואלסטו זיך שוין לאנג געטוישט...

### די אלע זאכן ברענגען פונקט דאס פארקערטע

איך וועל דיר ברענגען גאר א גוטע ראיה... איך בין שוין ליידער געווען ביי אפאר טראגעדיעס רח"ל, פון בחורים וואס זענען געווען פון די בעסערע, און קיינער האט נישט גערעדט וועגן זייער נארישע אנגעטואכץ... נאר ביי איינעם האט מען געזאגט אז ער האט קיינמאל נישט פארפאסט קיין מנין... ביי א צווייטן האט מען געזאגט אז ער האט קיינמאל נישט פארפאסט מעביר סדרה צו זיין, וכדומה... אבער ביי קיינעם האט מען נישט גערעדט וועגן די אלע שיינע זאכן וואס זיי האבן געמיינט אז ס'וועט זיי עפעס ברענגען... פארוואס??? ווייל קיינער קוקט דיך נישט ארויף אויף דעם...

### וועגן דעם איז דאס גאר א וויכטיגער יסוד, בפרט אין אונזערע צייטן!!!

ווען אלע אדווערטייזמענטס שרייען ארויס, אז אויב דו ווילסט מ'זאל דיר ארויפקוקן טו זיך אן אזוי אדער אזוי... ווען באמת איז דאס בכלל נישט אמת... נאר וואס דען, די אלע ערליכקייטן, דאס קוקן מענטשן ארויף. און דאס איז גאר וויכטיג אריינצולייגן אין קאפ, מ'דארף לייגן די שטיינער ארום דעם קאפ, מ'זאל זיך נישט לאזן פארדרייען א קאפ... נאר געדענקען:

### אז יציאת צדיק מן המקום עושה רושם.

וואס דאס מיינט, אז דיינע חברים... מענטשן אויף די גאס... קוקן נישט ארויף אז דו גייסט שיין אנגעטון... אז די וואלענע ציצית זעט אויס ווי די ספרדיי'שע... נאר פונקט פארקערט, ס'ווייזט אז דיין חיות קומט פון נארישע זאכן... אבער אויב דו האסט אין זיך נקודות מיט וואס דו ביסט ערליך, דאס מאכט גאר א שטארקער רושם...

**ווילסט אטענשאן, טו דאס וואס וועט מאכן אז מענטשן זאלן ארויפקוקן אויף דיר... וואס דאס איז יציאת צדיק מן המקום - ערליכקייט.**